

# תורת אביגדור

פאר קינדער

באארבעט פון די שיעורים
פון הרה"ג ר' **אביגדור מיללער** ז"ל

## פרשת אחרי

# איין מאל א יאר

פרנס השבוע

לכבוד הילד החשוב יניק וחכים
כמר **אהרן יודא שלעזינגער** ני"ו
מיט ליבשאפט,
פון דיין טאטע

## פרשת אחרי

# איין מאל א יאר

דינננגגג...! האט זיך געהערט דער באקאנטער קלאנג וואס האט דערמאנט אז די הפסקה האט זיך געענדיגט. אלע קינדער פון הארקי תלמוד תורה האבן זיך געאיילט אריינצוגיין אין חדר. די כתה ו' אינגלעך האבן זיך ספעציעל געיאגט אנצוקומען באצייטנס אין כתה וויל רבי הורוויץ האט זיי פארשפראכן צו ברענגען אן איבערראשונג נאך הפסקה.

די קינדער זענען געלאפן די שנעלסטע וואס זייערע פיס האבן זיי געקענט טראגן. אויך שרוליק איז שנעל געלאפן אבער פלוצלינג האט ער זיך אנגעקלאפט אין עפעס וואס איז אים געשטאנען אין וועג און ער האט זיך אויסגעגליטשט אויף דער ערד.

הערשי איז געווען דער ערשטער דאס צו באמערקן. ער האט זיך האסטיג אפגעשטעלט צו העלפן שרוליק אויפשטיין.

"שרוליק, ביסטו אין ארדענונג?" האט ער אים געפרעגט.

"איך ווייס נישט," האט שרוליק געענטפערט מיט נאסע אויגן, "איך מיין אז ס'גיסט מיר בלוט!"

"אוי וויי!" האט הערשי אויסגעשריגן דערשראקענערהייט באמערקנדיג שרוליק'ס ריס אין די הויזן און די שניט אויף די קניען, "קום וועל איך דיר העלפן גיין צו די אפיס."

"אבער דו ווילסט זיכער נישט פארפאסן די איבערראשונג וואס רבי הורוויץ וועט פארשטעלן פאר די כתה," האט שרוליק געזאגט, נישט וועלנדיג אויפהאלטן הערשי.

"אבער דו האסט דיך צעקלאפט! ווי אזוי קען איך איבערלאזן א חבר וואס האט יסורים? קום, לאמיר גיין צו די אפיס..."

שרוליק האט ארויפגעצויגן א שמייכל צווישן זיינע שטייפע באקן פון ווייטאג. ער האט קיינמאל נישט געטראכט אז הערשי איז זיין חבר. אין כתה זיצן זיי ווייט אפגעריקט איינער פון צווייטן. און הערשי האט ליב צו שפילן ביי הפסקה און די צייט וואס ער, האט ליב צו ליינען. ס'איז געווען שיין פון הערשי'ס זייט זיך צו אינטערעסירן אין אים איבערהויפט אז יעדער איז געווען פרייליך צוריק צוגיין צום כתה פאר די איבערראשונג.

אין אפיס האט הרב שטיינער - וואס איז א הצלה מעמבער - אפגעוואשן שרוליק'ס וואונד און עס גוט באנדאזשירט. דערנאך זענען די אינגלעך צוזאמען אריין אין כתה.

"אה, דא זענען ענק!" האט זיי רבי הורוויץ ווארעם ענטפאנגען. "איך האב געווארט אויף ענק מיט די איבערראשונג." אויך די קינדער זענען שוין געווען אומגעדולדיג צו הערן וואס רבי הורוויץ האט צוגעגרייט פאר זיי.

רבי הורוויץ האט אויפגעעפנט א גרויסע קאלירטע טאוול מיט'ן אויפשריפט: "ואהבת לרעך כמוך". די קינדער האבן באטראכט דעם טאוול ווארטנדיג צו הערן מער פרטים.

"אזוי ווי מיר האלטן יעצט אינמיטן די ספירה טעג," האט רבי הורוויץ אנגעהויבן, "ווילן מיר האבן א 'בין אדם לחבירו' פארמעסט. יעדער אינגל וועט באקומען א 'טשארט' אויף וואס ער וועט יעדן טאג דארפן פארצייכענען כאטש איין זאך וואס ער האט געטון, ארויסצואווייזן ליבשאפט פאר א צווייטן איד. ווער ס'וועט האבן די מערסטע פונקטן וועט באלוינט ווערן מיט די געוואלדיגע געלעגנהייט צו פארברענגען א גאנצן טאג מיטן רבי'ן שליט"א.

רבי הורוויץ האט זיך ארומגעקוקט צו אויפפאסן די רעאקציע פון די אינגלעך איבער די 'בין אדם לחבירו' קאמפיין. רוב פון זיי האבן זיך ארומגעקוקט מיט צעמישטע בליקן.

"וואס איז?" האט רבי הורוויץ געפרעגט, "כ'האב געמיינט אז ענק ווילן זיין שטארק איבערראשט פון דעם פראגראם."

הערשי האט אויפגעהויבן די האנט. "מיר ווייסן שוין פון די מצוה פון ואהבת לרעך כמוך."

"יא," האט שרוליק צוגעלייגט, "פאקטיש האט הערשי נארוואס מקיים געווען די מצוה מיט געטריישאפט ווען איך בין אראפגעפאלן און צעקלאפט מיין קני."

הערשי האט נאכאמאל אויפגעהויבן די האנט, "אהבת ישראל איז א מצוה וואס איז שייך א גאנץ יאר, פארוואס זאלן מיר דווקא יעצט זיין פארנומען פונקט מיט דעם קאמפיין?



"אינגלעך, איך וויל ענק אויפמערקזאם מאכן איבער א נקודה וואס מיר לערנען זיך ארויס אין די וואכעדיגע סדרה," האט רבי הורוויץ אנגעהויבן צו מסביר זיין דער ענין, "ווען די תורה רעדט פון יום כיפור האט די תורה צוגעלייגט צוויי ווערטער וואס קענען אויסזען איבעריג: 'אחת בשנה'. פארוואס דארף אונז די תורה אנזאגן אז יום כיפור קומט פאר נאר איינמאל אין יאר - ביי קיין שום אנדערע יום טוב שטייט נישט אזוי?

דער ענטפער איז אז עס איז נישטא אזא זאך ווי, 'מיר וויסן שוין דערפון!' הגה"צ רבי אביגדור מיללער ז"ל האט געזאגט אז ווען מען זאגט, 'שכח אייבערשטער פאר אלעס', איז ווי מען האט גארנישט געזאגט. אזוי ווי ווען איינער זאגט, 'קענסט קומען עסן צו מיר ווען דו ווילסט', מיינט עס, 'קום קיינמאל נישט...' אויב דו ווילסט זיין געטריי זאג ארויס קלארע ווערטער. צום ביישפיל: "איך וויל דיך לאדענען אויף די סעודה פון שבת בייטאג..." נישט יעדער איז אן עקספערט אין אהבת ישראל ווי אונזער הערשי קרויס דא. דעריבער דארפן מיר האבן א באשטימטע צייט ווען צו ארבעטן אויף די מדה. אזוי ווי תשובה איז א מצוה וואס איז שייך א גאנץ יאר. פאקטיש איז עס א חיוב. מען קען עס נישט אפשטופן און זאגן, 'איך וועל שוין תשובה טון אים יום כיפור'. אבער ווען די תורה זאגט, 'אחת בשנה,' מיינט עס אז דעמאלטס איז די צייט אריינצולייגן אלע כוחות אין דעם.

מיר דארפן קובע זיין א צייט צו ארבעטן אויף מצוות אפילו מיר וויסן שוין פון דעם, און עס איז אייביג שייך. יעצט אין די טעג פון ספירת העומר, ווען מיר טרויערן אויף די תלמידים פון רבי עקיבא איז די צייט וואס מיר זאלן זיך קאנצענטרירן אויף די לימודים פון רבי עקיבא אז ליב האבן יעדן איד איז א 'כלל גדול בתורה'!"

די קינדער האבן טיף אריינגעקלערט אין דעם ענין בשעת רבי הורוויץ האט אויפגעהאנגען דעם טאוול.

פלוצלינג איז שרוליק אויפגעשפרינגען פון זיין פלאץ, "דא האסטו, יענקי, דיין בליי איז אראפגעפאלן אויף דער ערד". דערנאך האט ער זיך אויסגעדרייט צו רבי הורוויץ, "יישר כח רבי. דאס וואס די רבי האט יעצט געלערנט האט מיר געמאכט פארשטיין אז עס איז אייביג דא פלאץ צו ארבעטן אויף די געוואלדיגע מצוה פון ואהבת לרעך כמוך!"

האטס א גוט שבת!

*באמערקונג: פון איין זייט דארף מען שטענדיג מקיים זיין אלע מצוות און פון צווייטן זייט לערנט אונז די תורה אז ס'איז ריכטיג צו באשטימען א צייט זיך צו קאנצענטרירן אויף איין געוויסע מצוה.



**הערט די מעשה פארציילט דורך דער בארימטער מחנך**
**הרה"ג ר' משה בערגמאן שליט"א**
**קול אביגדור 718-289-0899, דרוקט 2 און דערנאך #3**